# דאָס זשאַליבאָווער שילעכל

## משה גראָבאַרסקי



דאָס זשאַליבאָווער שילעכל איז געשטאַנען אין אַנדערן עק שטאָט, אין דער דרומדיקער זייט.

די מתפּללים זענען מערסטנטייל געווען איינוווינער פון שפּיטאַלנע גאַס אין איין זייט, ביז דעם פּערעיעזד — פון דער צווייטער זייט. דאָס אַלץ האָט געהייסן זשאַליבאָוו און אַרומגענומען די גאַנצע דרום־זייט פון דער שטאָט.

כדי צוצוקומען צו דער שול האָט מען געמוזט דורכגיין אַ קליין געסל, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער שפּיטאַלנע גאַס, דאָס געסל האָט געהייסן יעדנאַסטעגאָ ליסטאָ־פּאַדאַ (11־טער נאָוועמבער).

נעבן פּלויט פון קראַמירסעס גאָרטן זענען געווען אויסגעלייגט ברעטער פּאַר „קלאַדקעס"; דאָס האָבן די גבאים פון דער שול געלייגט, ווייל אַנדערש האָט מען נישט געקענט צוקומען צו דער שול פּסח־צייט אָדער ענדע זומער, צוליב די טיפע בלאָטעס און קאַלוזשעס וואַסער.

די שול, אַ גאַנץ גרויסע, האָט אַריינגענומען כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דער געגנט. זי איז געווען געבויט פון האָלץ און אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די מתפּללים זענען געקומען פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

דער שטענדיקער חזן איז געווען מאָטל ליסיוק, וואָס האָט געווינט אין בניין פון דער שול, אין אַ קליינע וואוינונג. זיין גאַנצע חיונה איז געקומען פון חזנות, און פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ שווער לעבן.

ער האָט געהאַט אַ גוטע שטימע. מערסטנטייל פלעגט ער דאַוונען שחרית. מוסף פלעגט דאַוונען ראובן ראָזנבוים, „דער פּראַוויטיעל", וואָס האָט געהאַט אַ געשמאַקע שטימע פון אַ בעל־תפילה. זיין קול פלעגט זיך צעגיין אין די ביינער פון די מתפּללים. ר׳ ראובן פלעגט אויך יעדן שבת פאַר קריאת התורה זאָגן אַ פּאָר ווערטער פון פּרשת השבוע און אויך אַריינבראָקן אַביסל מוסר.

די גבאים זענען געווען: משה באלער, נחצי זאָבערמאַן, יצחק שילדמאַן, משה פּרץ קאַפּוסטע, חיים בעקער (באַסקעס), אַברהם פּערלמוטער, אַביגדור ערליכגערעכט. יעדן שבת בראשית פלעגט מען קלויבן נייע גבאים, און ס׳איז דאַן געווען פריילעך. דער גבאי, וואָס האָט געוואַלט אויסגעוויילט ווערן אויך אויפן צווייטן יאָר האָט געמוזט צוזאָגן האָלץ אויף הייצן די שול.

שמש אין שילכעל איז לאַנגע יאָרן געווען הערצל רויטער (הערצל דער פּאָזשאַריקער).
פון־צייט־צו־צייט פלעגט אין דעם שילכעל קומען אויף אַ באַזוך דער מעלניצער רבי.

די שול האָבן די נאַציס פאַרברענט און די טייערע תמימותדיקע יידן אַכזריותדיק אומגעבראַכט. די איינציקע לעבן־געבליבענע פון די מתפּללים היטן תמיד אין זכרון די שבתים און ימים־טובים, און בכלל דאָס לעבהאַפטע יידיש לעבן, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער שול.